ה. כרגיל אויף לערנען א פסוק אין פ׳ השבוע מיט פירוש רש"י
איז אין היינטיקער סדרה דא א רש"י מיט צוויי דבור המתחיל׳ס,
וואס ביידע זיינען לכאורה אינגאנצן ניט פארשטאנדיק, און הגם
אז מפרשי רש"י שטעלן זיך אויף דעם און זיינען דאס מבאר, איז
אעפ"כ זיינען די פי׳ ניט אין דרך פון פשוטו של מקרא,

-- וואס --

שיחת הח׳ בלתי מוגה

וואס דאס איז וואס רש"י שטעלט זיך (פרשתנו ט,כב) אויף "ויברכם", און איז מפרש: "ברכת כהנים, יברכך יאר ישא",

וואס דא איז ניט פארשטאנדיק:

א) וואס איז דא שווער אין דעםווארט "ויברכם", וואס רש"י דארף זאגן אז דאס איז געווען "ברכת כהנים"? מ'קען דאך זאגן בפשטות, אז וויבאלד אז אהרן איז געווען א אוהב ישראל, און ס'איז געווען א שעה הראוי' לברכה, ווארום ס'איז געווען אין דעם סיום פון די ימי המילואים, און מ'האט מקריב געווען די אלע קרבנות כו', (און זיי זיינען נתכפר פון חטא העגל כו'), איז דערפאר האט זיי אהרן געבענטשט, איז וואס דארף רש"י זאגן אז דאס איז געווען "ברכת כהנים" דוקא?

נאכמער: דער בן חמש למקרא האט נאך ניט געלערנט וועגן די מצוה פון ברכת כהנים, וואס דאס וועט ער ערשט לערנען אין פ' נשא, ובמילא נתחזק השאלה: פארוואס מוז רש"י דערמאנען א ענין וואס דער קינד וייס נאך ניט פון דעם? (און אפילו אויב מ'וועט זאגן אז דער ציווי פון "כה תברכו" איז געווען פאר די ימי המילואים, איז אעפ"כ בלייבט שווער: דער קינד האט דאס נאך ניט געלערנט, און וואס איז דאס בכלל נוגע צו מפרש זיין)?

ב) רש"י באנוגענט זיך ניט דערמיט, נאר ער איז ממשיך: "יברכך, יאר, ישא", וואס דאס איז אויך אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: ס'איז ניט רש"י'ס ענין צו לערנען מיטן בן חמש די דינים פון ברכת כהנים, איז פארוואס דארף ער אויסטייטשן אז ברכת כהנים איז "יברכך יאר ישא"?

אפי' אויב מ'וועט זאגן אז רש"י וויל יע (מאיזה טעם שיהי') אפטייטשן פארן בן חמש וואס ברכת כהנים איז, וואלט ער דאך געקאנט זאגן "יברכך וגו'", און וואס דארף ער זאגן אויך יאר און ישא?

עס זיינען דא מפרשים וואס פארענטפערן, אז רש"י זאגט די דריי ענינים פון "יברכך יאר ישא" ווייל דאס איז כנגד די דריי קרבנות וואס ווערן דערמאנט אין פסוק - "וירד מעשות החטאת והעולה והשלמים", וואס דאס איז על יסוד פון פי' הבעה"ט, וואס ער איז מפ' אז "יברכך" איז כנגד חטאת; "יאר" איז כנגד עולה; און "ישא גו' שלום" איז כנגד שלמים,

מ'קען אבער ניט זאגן אז דאס איז כוונת רש"י, ווארום:

(א) דאס איז דאך א פירוש ע"ד הרמז, וואס דאס איז ניט דרכו של רש"י (און אויב רש"י וואלט דאס געמיינט, וואלט ער דאס געדארפט זאגן בפירוש, אז די ג' ברכות זיינען כנגד די ג' קרבנות);

(ב) אין בעה"ט שטייט דאך אז דער דריטער ברכה איז כנגד שלמים מצד דעם ווארט "ישא גו' שלום" (וואס שלום איז פארבונדן מיט שלמים), איז אויב רש"י לערנט ווי דער בעה"ט, וואלט ער געדארפט זאגן "יברכך יאר שלום", ניט "יברכך יאר ישא"?



נחת הר' בלתי מוגה

(ג) אויב דאס וואלט געווען כוונת רש"י וואלט ער געדארפט מעתיק זיין פון פסוק (ניט נאר דער וואָרט "ויברכם", נאר) אויך די ווערטער "החטאת והעולה והשלמים", ווארום דאס איז דאך נוגע לפירושו? און לכה"פ וואלט ער דאס געדארפט מרמז זיין דורך שרייבן ויברכם וגו', וכיו"ב?

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "וירד", און איז מפרש – "מעל המזבח", וואס דאס איז אויך ניט פארשטאנדיק: וואס איז דא סוועך אין פשש"מ – וואס רש"י דארף עפעס מפ' זיין? ס'איז פארשטאנדיק בפשטות: אין פסוק שטייט דאך מפורש "וירד מעשות", אז ער איז אוועק "מעשות החטאת וגו'", איז וואס באווארנט רש"י דורך זאגן "מעל המזבח"?

מפרשים ענטפערן, אז רש"י באווארנט אז מ'זאל ניט מיינען אז דער "וירד" מיינט אז אהרן איז אראפ פון דעם מקום מיוחד וואו די כהנים פלעגן בענטשן די אידן, מ'קען אבער ניט זאגן אז דאס מיינט רש"י, ווארום:

(א) דער קינד ווייס דאך בכלל ניט אז ברכת כהנים איז געווען אויף א מקום מיוחד, און ערשט שפעטער, בשעת ער וועט ווערן א בן עשר למשנה, וועט ער לערנען די משנה אין קדשים אז נשיאת כפים איז געווען באולם, על המעלות וכו', אבער דערווייל ווייס ער ניט פון דעם, איז פארוואס דארף דאס רש"י באווארענען?

(ב) אפי' אויב מ'זאל זאגן אז רש"י וויל דאס יע באווארענען (מאיזה טעם שיהי'), איז נאך אלץ ניט מובן: פארוואס וויל רש"י טאקע ניט לערנען אז דער "וירד" איז געווען פון דעם ארט וואו ס'איז געווען נשיאת כפים, און וואס איז דער הכרח אז "וירד" – "מעל המזבח"?

אנדערע מפרשים זיינען מפ', אז רש"י מיינט דא צו זאגן אז "אין מוקדם ומאוחר מדוקדקים במקרא", און דער פסוק איז א מקרא מסורס (אז פריער איז געווען "וירד גו'", און ערשט דערנאך דער "ויברכם"), און זיי ברייננגען א ראי' פון א פסוק אין שמות (ד, כ) וואס עס שטייט ווען משה "וישב ארצה מצרים ויקח משה את מטה האלקים בידו", און דארט איז רש"י מפ' אז "אין מוקדם ומאוחר כו' במקרא", ובמילא לערנען זיי אז עד"ז איז דא אויך אזוי.

מ'קען אבער ניט אננעמען דעם פי', ווארום:

(א) פון דארט איז דאך א ראי' לסתור, ווארום אויב רש"י לערנט דא אז ס'איז א מקרא מסורס, וואלט ער אזוי געדארפט זאגן בפירוש, פונקט ווי ער זאגט דאס אין שמות? און פון דעם וואס רש"י איז דאס יע מפרש אין שמות און דא זאגט ער דאס ניט, איז א ראי' אז דא איז טאקע ניט קיין מקרא מסורס? (און ס'איז א דוחק גדול צו זאגן אז רש"י פארלאזט זיך אויף דעם וואס ער האט געשריבן אין פ' שמות),

(ב) אפי' אויב מ'זאל זאגן אז רש"י וויל דא זאגן אז ס'איז א מקרא מסורס, איז אויך ניט פארשטאנדיק: וואו ליגט דאס אין די ווערטער "מעל המזבח"? אין פסוק אליין שטייט דאך "וירד מעשות

החטאת וגו׳", איז וואס איז וק"י מה"ק מיט די ווערטער "מעל המזבח", וואס אין רעם זעט מען אז ס׳איז א מקרא מסורס? וכפי שית׳ לקמן.

בנוגע די רש"י, איז רש"י קומט דא פארענטפערן א קלאץ קשיא, וכמדובר כמ"פ אז דוקא אויף די קלאץ קשיא'ס שטעלט זיך קיינער ניט, וואס די קלאץ קשיא איז: ווי קומט דאס אז שטייענדיק במעמד פון כל קהל עדת ישראל זאל אהרן בענטשן אידן, בשעת משה שווייגט?! מ'האט דאך פריער געלערנט ווי אלע ענינים זיינען דורכגעגאנגען משה'ן דוקא, און משה האט אהרן'ן מחנך געווען כו' (און עס האט זיך נאך ניט געענדיקט אהרן'ס חינוך, און משה האט דערווײלע געהאלטן אין מיטן חינוכו של אהרן, און ווי מ'זעט אז אפי' נאך דער "ויברכם" האט אים משה געלערנט מעשה הקטרת, כפרש"י), וואס דאס איז אזוי געווען אפי' נאכדעם ווי אהרן איז געווארן א כהן גדול,

און נאכמער: אפי' נאכדעם וואס משה האט געענדיקט לערנען מיט אהרן מעשה הקטרת, שטייט אז "ויבא משה ואהרן גו'" - פריער משה און דערנאך אהרן, און "ויצאו ויברכו את העם" - וואס דאס איז אויך געווען פריער משה און דערנאך אהרן, זעט מען דאך אז משה און אהרן האבן ביידע געבענטשט (און פריער משה און דערנאך אהרן), משא"כ דא איז געווען "ויברכם" - אז נאר אהרן האט געבענטשט, כאטש אפי' משה איז דארט געשטאנען, וואס לכאורה איז דאס אינו מובן לגמרי?

און ס'איז אפי' א שאלה אין הלכה, ווי רש"י זאגט ווייטער בסמוך (וועגן נדב ואביהוא) "שהורו הלכה בפני רבן", וואס לכאו' איז דא אויך געווען א ענין פון הורה בפני רבו?

ובכדי צו פארענטפערן די קשיא זאגט רש"י אז דאס איז געווען "ברכת כהנים", ובמילא איז פארשטאנדיק אז וויבאלד אז ברכת כהנים האט א שייכות נאר צו אהרן, האט ער געמוזט בענטשן, און צו משה האט דאס ניט קיין שייכות,

און ס'איז פארשטאנדיק אז ער האט געבענטשט ברכת כהנים ווארום ס'איז געווען א ציווי פון אויבערשטן אויף דעם, וואס משה האט אים איבערגעגעבן דעם ציווי, וואס פונקט ווי משה האט אים מחנך געווען בשאר הענינים, האט ער אים אויך מחנך געווען אין דעם,

אבער דא ווערט די שאלה: וואס איז די שייכות פון ברכת כהנים אהערצו דוקא? און אויב ס'איז געווען א ציווי ע"ז, איז פארוואס שטייט דאס ניט מפורש אין פסוק? מוז מען דאך זאגן אז ס'איז דא א הכרח צו זאגן אז ברכת כהנים האט א שייכות מיוחדת צו דעם זמן פון סיום ימי המילואים, און דערפאר איז ניט מוכרח אז דער פסוק זאל זאגן בפירוש אז ס'איז געווען א ציווי אויף דעם, ווארום ס'איז פארשטאנדיק פון זיך אליין,

וואס איז דער הכרח אז ס'איז דא א שייכות מיוחדת דא צו



הנחת הת' בלתי מוגה

ברכת כהנים? איז אויף דעם זאגט רש"י אז ברכת כהנים איז "יברכך יאר ישא", וואס פון "יברכך יאר ישא" איז פארשטאנדיק די שייכות מיוחדת צו סיום ימי המילואים.

והביאור בזה:

דער כללות הענין פון הקמת המשכן איז געווען אז עס זאל זיין השראת השכינה בישראל, הגם אז ס'איז געווען דער חטא העגל, און דעריבער איז פארשטאנדיק אז עס האט געדארפט זיין א ברכה אויף דעם,

און דאס זאגט רש"י, אז ברכת כהנים איז "יברכך" - אז דער אויבערשטער אליין בענטשט (ובמילא קען ער בענטשן אפי' נאך חטא העגל וכו'), און די ברכה איז "יאר" - וואס אויף "יאר" איז רש"י מפרש (במדבר ו,כה) "יראה לך פנים שוחקות כו'", וואס דאס איז דער ענין פון השראת השכינה, פרעגט זיך: ס'איז דאך געווען חטא העגל? זאגט רש"י ווייטער "ישא", וואס אויף "ישא" איז רש"י מפרש (שם) "יכבוש כעסו", ובמילא איז דא די ברכה אפי' נאך א חטא, (וואס ס'איז טאקע ניט "יכבוש כעסו" לגמרי, ווארום ס'איז דאך "וביום פקדי ופקדתי", דער "יכבוש כעסו" האט עכ"פ גע'פועל'ט אז עס זאל זיין השראת השכינה בישראל),

דערפאר זאגט רש"י דעם "יברכך יאר ישא", ווארום השראת השכינה האט זיך אויפגעטאן (דורך די קרבנות וכו' און אויך) דורך די ברכה פון "יאר" (השראת השכינה), און "ישא" (הגם אז ס'איז געווען חטא העגל).

וואס מיט דעם ווערט פארענטפערט נאך א שאלה: אין פסוק שטייט אז פריער איז געווען "ויברכם", און דערנאך איז נאכאמאל געווען א ברכה - "ויצאו ויברכו את העם", ולכאו' - וואס איז געווען דער צפל הברכות, און וואס האט איין ברכה צוגעגעבן אום צווייטן?

ולפי הנ"ל איז דאס מובן, ווארום עס רעדט זיך וועגן צוויי באזונדערע סוגים פון ברכה, וואס דער "ויברכם" איז געווען א ברכה וואס האט אויפגעטאן גילוי והשראת השכינה; און דער "ויברכו" איז געווען א ברכה כללי כו'.

וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אויך בנוגע צום צווייטן ד"ה אז דאס איז אויך מובן בפשטות, וכפי שית' לקמן.

בנוגע דער צווייטער ד"ה איז דער ביאור בזה:
רש"י באווארענט דא א קלאץ קשיא וואס איז ניט פארשטאנדיק בפשטות:

איך פסוק שטייט "וירד מעשות החטאת וגו׳", ד.ה. אז ער האט פארענדיקט די עבודה פון חטאת וכו׳, אבער מען געפינט ניט אז ער האט געטאן א עבודה, וואס די אלע עבודות האט ער שוין אפגעטאן פריער, ובמילא איז ניט פארשטאנדיק: וואס שטייט "וירד מעשות" וואס פון דעם איז משמע אז ער האט יע געטאן א עבודה יעמולט?

איז אויף דעם ענטפערט רש"י (ניט אז ס׳איז א מקרא מסורס, וואדום מ׳איז אזוי מפרש נאר ווען ס׳איז ניטא קיין אנדער פי׳, אבער דא קען מען מפ׳ זיין דעם פסוק אן דעם, און דאס איז) אז דער "וירד" איז געווען "מעל המזבח", ד.ה. אז אהרן איז ארויף אויפן מזבח צוליב עבודת הקרבנות, דערנאך איז ער דארט געבליבן פאר ברכת כהנים, און דערנאך איז ער אראפ פון מזבח, און דאס זאגט רש"י, אז ס׳איז כאילו ווי איך פסוק גופא וואלט געשטאנען "וירד מעל המזבח מעשות החטאת וגו׳", ד.ה. אז דער פסוק דער-ציילט אז אהרן איז אראפ פון מזבח, פארוואס איז ער לכתחילה ארויף אויפן מזבח? איז דער פסוק ממשיך - "מעשות החטאת וגו׳", ער איז דארטן ארויף לכתחילה צוליב עבודת החטאת וכו׳ (ניט צוליב ברכת כהנים),

און דאס זאגט רש"י "מעל המזבח".

וואס דאס גיט אויך א ביאור אויף דעם וואס די צוויי ענינים פון ברכת כהנים און דעם מזבח זיינען דא געקומען צוזאמען (כאטש אפי׳ ס׳איז געווען א מקום מיוחד פאר ברכת כהנים אין ביהמ"ק (בהאולם, על המעלות וכו׳), און עד"ז במשך הדורות, איז פארוואס איז דער ברכת כהנים געווען על המזבח דוקא),

-- ווארום -

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ווארום וויבאלד אז דער ברכה איז געווען אויף אויפטאן השראת השכינה בישראל (ניט קוקנדיק אויף חטא העגל) וכנ"ל, וואס דאס האט זיך אויפגעטאן אויך דורך די קרבנות, איז דערפאר איז די ברכה געווען בסמיכות צו עבודת הקרבנות, און תיכף לאחר העבודה, בלי הפסק בינתיים, האט אהרן מודיע געווען אידן אז עס האט זיך אויפגעטאן השראת השכינה בישראל.

ועפ"ז איז פארשטאנדיק אז בפשוטו של מקרא האט די ברכה קיין שייכות ניט צו די שקו"ט בנוגע ברכת כהנים, אויב דאס דארף זיין לפני הקטרת האימורים או לאח"ז, וואס מ'וויל ברייגגען א ראי' פון דאנעט, אבער וויבאלד אז דא רעדט זיך וועגן א ברכת כהנים מיוחד, וכנ"ל, איז פארשטאנדיק אז מ'קען פון דאנענט ניט ברייגגען קיין ראי'.

ולפי הנ"ל איז אויך פארשטאנדיק אז פון דער רש"י קען מען ניט מוכיח זיין ווי רש"י האלט בנוגע צו דער סתירה וואס מען געפינט אין ספרא בנוגע דעם "ויברכם", וואס אין איין ברייתא שטייט עה"פ "ויברכם", אז "באותו שעה זכה בנשיאת כפים לו ולדורותיו" [וואס פון דעם איז משמע אז דער ויברכם איז ניט געווען א ענין פון ברכת כהנים]; און אין א ווייטערדיקע ברייתא זאגט ער אויף "ויברכם", אז 'זו ברכה סתומה שא"י, חזר הכתוב ופי' להלן יברכך וגו'", [וואס פון דעם קומט אויס אז דער "ויברכם" איז יע געווען א ענין פון ברכת כהנים], איז פון דער רש"י קען מען ניט ברייגגען קיין הוכחה ווי רש"י האלט, ווארום דא רעדט זיך וועגן א ברכה מיוחדת צוליב א כוונה מיוחדת, וכנ"ל.

ויה"ר אז דער ענין פון ברכת כהנים, הגם אז מצד קושי הגלות איז דאס ניטא - די ברכה - בכל יום (אין חו"ל, משא"כ אין א"י, און ווי דער אלטער רבי ברייגגט אראפ בהל' נ"כ די חילוקים בזה), איז דער ענין אבער פאראן שטענדיק, סיי ביום סיי בלילה (הגם אז לילה איז ניט קיין זמן אויף ברכת כהנים), ואדרבה - מצד קושי הגלות איז נאכמער נוגע ברכת ה' שטענדיק,

זאל דאס נמשך ווערן שטענדיק, ובהמשך צו זמן חירותנו, וחירות מכל הענינים המבלבלים, דורך שמחה וואס דאס איז פורץ גדר, אין אן אופן פון ופרצת, און ביז מ'קומט צו שבועות (חסר חסיום)

(וויבאלד אז מ'רעדט וועגן שמחה, איז דא די בעלי שמחה וואס האבן געגעבן משקה. חלק משקה לכאו"א מהבעלי שמחה).